בס"ד

שנה ג'
נומער ק"י
**פרשת בשלח**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



## הילולת כ"ק מוהרא"ש זי"ע
# י"ז שבט
### מיטוואך פרשת יתרו

**הפצה אפטיילונג:**
**וואס האט אונז מוהרא"ש געלאזט צוואה?**

**נייעס:**
**אינגערמאן פון שטעטל אויפגענומען געווארן אין די פלענונג באורד**

**א בריוו פונעם ראש ישיבה:**
**מנהגים פון ט"ו בשבט**



**הערליכער שבת שבת שבע ברכות ביים ראש ישיבה געפראוועט אין שטעטל**

# קרית ברסלב


רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בריוו צו די רעדאקציע

### קרית ברסלב בלעטל צו באקומען אין ענגלאנד

די בלעטל איז הערליך שיין ברוך השם, א גרויסן יישר כח פאר אייער ארבעט.

איך האב געוואלט בעטן, אזוויוי איך האב אנגעפאנגען צו מאכן סובסקריפשאן פאר "עצתו אמונה" און אזוי אויך די "קרית ברסלב בלעטל", אויב דו קענסט דאס מעלדן אינעם בלעטל, כדי די מענטשן וואס וואוינען אין ענגלאנד זאלן וויסן דערפון.

צו באקומען עצתו אמונה און אויך דעם קרית ברסלב בלעטל איז די פרייז £4

נאר עצתו אמונה £2

נאר קרית ברסלב בלעטל £3

מען קען רופן אויף: 07393075443

אימעיל: KerenHadfusaMcr@gmail.com

נ. ש. מאנטשעסטער

## זמנים Liberty

פרשת בשלח י"ג שבט תשפ"ב

הדלקת הנרות.......... 04:33
מוצאי שבת ............ 06:05
מנחה מעריב בשלח. 05:50





**שעות פונעם באזאר**

זונטאג ביז דאנערשטאג
7:00 ביז 10:00

פרייטאג 10:00 ביז 2:00

מאנטאג נאכט 9:00 ביז 11:00

די טויש אין די זמנים וועט אריינגיין אין קראפט קומענדיגן זונטאג יתרו Jan 16



HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com


## ברכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו וזוגתו באשא הדסה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער.

בס"ד

282 • DESIGN | 845.406.4250

יומא דהילולא קדישא
י"ז שבט

# די הייליגע
# ירושה




יעצט, ביומא דהילולא קדישא פון
כ"ק מוהרא"ש זי"ע, לאמיר זיך מחזק זיין איינאיינעם
מקיים צו זיין די הייליגע צוואה פארשפרייטן זיינע
לעכטיגע ספרים און קונטרסים!

די הבטחה:

"און איך זאג צו ווער עס וועט דארפן א ישועה אדער א רפואה וכו' וכו' אויב ער וועט אפדרוקן, א חלק אשר בנחל וועט ער זען גלייך א ישועה"

(אשר בנחל אידיש
מכתב כב')

קרן הדפסה היכל הקודש

**718•387•2691**

היכל הקודש

# שטעטל נייעס

## הערליכער שבת שבע ברכות פונעם ראש ישיבה געפראוועט אין שטעטל



א הערליכע שבת שבע ברכות פונעם ראש ישיבה שליט"א איז געפראוועט געווארן אין שטעטל.

דער ראש ישיבה איז שוין אריסגעקומען אין שטעטל מיטוואך נאכט. דאנערשטאג נאכט האט דער ראש ישיבה באזוכט אין סקול און גערעדט צו די קינדער די וויכטיגקייט פון זיך רעכענען מיט א צווייטע חברט'ע, און קיינמאל נישט ווי' טוהן א צווייטן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריבער צו כיתה א' אין חדר וואו דער ראש ישיבה האט הויך פארציילט די מעשה פון תפילות פון די קינדער, און דערנאך ארום גערעדט פון די געשמאקע לעבן וואס א איד האט, למשל, א איד האט א מזוזה ביים טיר וואס היט אים אפ פון אלעס שלעכטס, און א גוי האט דאס נישט.

שפעטער איז דער ראש ישיבה אריבער צו כיתה ט' און דארט פארגעלערנט דעם דף גמרא פאר די קינדער, און געבעטן די קינדער זיי זאלן בעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל זיך שוין אריבערציען אין שטעטל.

שבת קודש איז אריבער גאר דערהויבן צוזאמען מיט אלע חשובע געסט וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם שבת שבע ברכות אין שטעטל, ובפרט האט זיך דערקענט צוויי חשובע געסט, הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א - טאטע פונעם ראש ישיבה, און הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א - שווער פונעם ראש ישיבה.

פרייטיג צונאכטס נאך די סעודה זענען אנשי שלומינו אריבערגעקומען זיך מיטפרייען מיט די שמחה ביים ראש ישיבה, מען האט געזינגען צוזאמען זמירות אזוי ווי דער הייליגער רבי' האט געפאדערט פון אונז, און דערנאך געזינגען שיינע ניגוני שבת.

די תפילות איז אריבער גאר דערהויבן און ווארים, מען האט געהאט די זכיה צו הערן ליינען פונעם קארלסבורגער רב שליט"א וואס האט געליינט מיט אזא געשמאק אז מען האט געשפירט ממש וואו מען לעבט יעצט איבער יציאת מצרים. דער שבת וועט זיכער ווערן געדענקט פאר א לאנגע צייט.

## חנוכת הבית וקביעת מזוזה פארן בנין התלמוד תורה צוזאמען מיט שבע ברכות




א הערליכער מעמד חנוכת הבית וקביעת מזוזה צוזאמען מיט א שבע ברכות פאר'ן ראש ישיבה איז פארגעקומען מוצאי שבת פרשת בא אינעם בנין התלמוד תורה, וואו עס זענען זיך צאמגעקומען אלע משפחות אין שטעטל צוזאמען מיט די חשובע געסט וואס זענען געקומען אויף שבת אין שטעטל.

עס איז געווען צוגעגרייט א פיינעםברייטן מלוה מלכה, צוגעשטעלט דורך דעם געטרייען מענעדזשער אליעזר שמן ה"י צוזאמען מיט שלמה יאקאבאוויטש הי"ו בעל בית התבשיל, אויך האבן אסאך משפחות ארויסגעהאלפן צושטעלן עסן פארן מלוה מלכה.

ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען צום מעמד האט ער געקלאפט מזוזה אויפן טיר פון איינע פון די נייע קלאסן וואס איז נארוואס פארטיג געווארן, דערנאך האט מען געזינגען זמירות און ביים סוף האט מען געהאט די זכיה צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט ארויס געברענגט די חשיבות פונעם מוסד וואס מיר האבן, א מוסד פון אמונה, א מוסד וואס מען לייגט אריין אין די קינדער פון יונגווייז אן אז אלעס איז דער אייבערשטער, און וואס זיי דארפן זאלן זיי נאר בעטן דעם אייבערשטן.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר'ן חשוב'ן נדבן פונעם בנין ר' אברהם שבתי מזרחי הי"ו דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס, אזוי אויך ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע וואס האבן גאר שווער געארבעט במשך'ן איבערבויען אז אלעס זאל זיין על צד היותר טוב, ר' מעכל ראזענפעלד הי"ו און ר' אליעזר שמן הי"ו דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס, עס זאל זיי גארנישט פעלן, די תפילות און די לערנען פון די טייערע קינדער זאל זיי אנטקעגן קומען אויף יענע וועלט.

# שטעטל נייעס

## חשובער אינגערמאן פון שטעטל ערוועלט געווארן אין די פלענינ"ג באר"ד פון ליבערטי



פון ליבערטי קומט אריין די גוטע נייעס, א חשוב'ער אינגערמאן מיט'ן נאמען מנחם שטיינבערג הי"ו איז ערוועלט געווארן דורכ'ן טאון לעגיסלאטאר צו ווערן א חלק פון די פלענינ"ג באר"ד פון ליבערטי.

מען זעט די סיעתא דשמיא אויף טריט און שריט; קוים צוויי יאר צוריק האבן זיך אנשי שלומינו ארויסגעצויגן קיין ליבערטי, וואו מען האט מייסד געווען א שטעטל על שם רבינו. אנגעהויבן האט זיך עס זומער שנת תשע"ט וואו עס האבן זיך ארויסגעצויגן א מנין משפחות, גלייך האט מען געעפנט א חדר און א סקול פאר די קינדער ווי מיר זענען מחנך די קינדער מיט אמונה און יראת שמים אויפ'ן וועג פון רבי'ן, און עס קומען כסדר צו פרישע קינדער צו די מוסדות קע"ה.

אלע וואונדערן זיך, 'וואס איז די סוד פון די ברסלב'ער שטעטל? ווי אזוי בליט דאס אזוי שיין? יעדע וואך ציען זיך ארויס נאך משפחות, עס האלט שוין ביי קרוב צו הונדערט משפחות כן ירבו; וואס איז זייער סוד? וואס איז פשט אז אינגעלייט פון שטעטל זיצן שוין ביי מיטינגען פון די רעגירונגס באאמטע?'

דער סוד איז תפילה! נישטא קיין ריר אין שטעטל וואס זאל נישט זיין אין דעם הויפענעס תפילה; נישטא קיין שטיינדל אין שטעטל וואס זאל נישט ליגן אונטער דעם תפילה.

מיר בעטן די חשוב'ע ליינער, נעמט נישט אן וואס מיר שרייבן, גייט אליינס אריבער אין שטעטל, כאפט א שמועס מיט די אינגעלייט וואס וואוינען דארט, וועט איר זיך אליינס איבערצייגן אז וואס איר לייענט איז אמת, איר וועט שטיין מיט אן אפענעם מויל ווען איר וועט הערן די וואונדערליכע מעשיות פון תפילה פון פשוט'ע אינגעלייט; אינגעלייט וואס ארבעטן ביטער שווער צו ברענגען פרנסה - האבן די השגה וואס צדיקים האבן משיג געווען נאך שווערע עבודות, דאס איז דער כח פון הייליגן רבי'ן וואס לאזט זיך אראפ צו אונז אנשים פשוטים מאוד און ברענגט אונז צו די הויכע זאכן.

זיך צו באקענען פון דער נאנט מיט דעם אינגערמאן מנחם שטיינבערג הי"ו. מנחם איז א תלמיד פון ישיבה, ער האט זיך מוסר נפש געווען ביי די דרייצן יאר צו קומען לערנען אין ישיבה, זיינע עלטערן - אזוי ווי אלע עלטערן וואס הערן לשון הרע אויף אונזער ישיבה - האבן נישט געוואלט ער זאל קומען לערנען דא, מען האט אים געפייניגט מיט שרעקליכע פיין, ווען זיי האבן איינגעזען אז עס העלפט נישט די אלע פיין, דער בחור מנחם איז שטארק ווי א לייב, ער וויל גיין לערנען נאר אין ברסלב - האבן זיי אים אריינגעלייגט אין תפיסה ער זאל נישט קענען קומען אין ישיבה, ביז די שטאט האט זיך אריינגעמישט, מיט די הילף פון עסקנים און מיט די הילף פון א גרויסע לויער האט מען אים אריינגעלייגט אין ישיבה.

מנחם נרו יאיר האט יעצט זוכה געווען צו מסיים זיין די ניין און ניינציגסטע מאל ששה סדרי משנה. דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך; געווענליך די אלע שושקעס, די אלע וויכטיגע מאכערס וואס שטופן זיך אריין ביי די הויכע פענסטערס - זענען אינגעלייט וואס לערנען נישט און דאווענען קוים, זיי זוכן סיפוק פאר זייער הונגעריגע נשמה, די בארד און פיאות ווערט קערצער און וויינגער וכו'; אין ברסלב איז עס אנדערש, דיקא די פלייסיגע אינגעלייט וואס פארפעלן נישט זייערע שיעורים כסדרן, זיי לערנען בהתמדה רבה, - דיקא די אינגעלייט וואס האבן שיינע פיאות מיט פילע בערד - די זענען די וויכטיג מאכערס, די קאנאקערס וכו'.

מיר ווילן וואונטשן פאר מנחם ער זאל מצליח זיין אין דעם נייעם אמט, און קענען העלפן אידישע קינדער א גאנץ לעבן בכלל, ובפרט זאל ער קענען שטיין צו הילף פאר'ן ברסלב'ן שטעטל, עס זאל זיך קענען בויען אן א שטער, און ער זאל נושא חן זיין בעיני אלקים ואדם.



# מעשיות פון תפילה

## שמואל בער שניטצלער - קרית ברסלב:

פארגאנגענעם זונטאג פרשת בא ווען דער ראש ישיבה האט חתונה געמאכט, בין איך אריינגעפארן צו די חתונה וואס איז פארגעקומען אין ישיבה, אויפ'ן וועג האב איך זיך אפגעשטעלט אין א גאז סטאנציע זיך אנטון בגדי שבת, דערנאך בין איך ווייטער געפארן.

אינמיטן די חתונה האב איך זיך דערמאנט אז איך האב איבערגעלאזט אין די גאז סטאנציע מיין וואכעדיגע הויזן מיט אלעס וואס איז געליגן אין די טאשן, וויכטיגע פאפירן, געלט, טייערע עירפאד"ס; וואס טוט מען דא?

איך האב נישט געהאט קיין אהנונג אין וועלכע גאז סטאנציע איך בין געווען, איך האב ניטאמאל געדענקט אויף וועלכע ראוד ס'איז געווען. אבער א איד איז קיינמאל נישט פארלוירן ווייל מען ווייסט אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל אפילו זאכן וואס זעען אויס אוממעגליך.

ס'איז שוין געווען אינמיטן די חתונה, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל וויסן ווער עס קומט נאך פון שטעטל צו די חתונה, און ער זאל זיך וועלן אפשטעלן זוכן מיינע זאכן און ער זאל עס טרעפן, איך האב אנגערופן מיין ברודער און ער זאגט מיר אז ער איז אויפ'ן וועג, שכח אייבערשטער פאר די ערשטע חלק פון די מעשה פון תפילה.

האב איך געבעטן מיין ברודער אויב ער קען זיך אפשטעלן זוכן פאר מיינע זאכן אין די גאז סטאנציע וואס איך האב געטראכט און געהאפט אז ס'ליגט דארט, און איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל טאקע ליגן דארט. ער האט זיך אפגעשטעלט און געזוכט אין די גאנצע פלאץ אבער ער האט עס נישט געטראפן. ער רופט מיר אן און פארציילט מיר אז ער זעט גארנישט.

איך האב נישט אויפגעגעבן מיט מיינע תפילות נאר ווייטער געבעטן דעם אייבערשטער, זאג איך אים: "פרעג די מענטש וואס ארבעט דארט", איז ער געגאנגען צו די ארבעטער און אים געפרעגט אויב ער האט אפשר געטראפן א הויזן מיט זאכן אין די טאשן, זאגט ער: "יא, איינער האט געטראפן זאכן אבער איך קען דיר עס נישט געבן ווייל איך ווייס נישט ווער דו ביסט", האט ער אים געגעבן פארשידענע סימנים, און יא! ס'איז געווען מיינע זאכן, דער ארבעטער האט אים עס געגעבן.

"שכח אייבערשטער פאר'ן מיר וויזן אפן אז דו הערסט אויס וואס מען בעט דיר".

## שמשון הערש טייטלבוים - קרית ברסלב:

איך בין געפארן קיין טאהש קאנאדא צו מיין שווער אויף שבת, די גאנצע וועג האבן מיר אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין א געשמאקע וועג און מ'זאל אונז גרינג אריינלאזן אין קאנאדא, ווייל ווי באקאנט איז יעצט נישט גרינג אריבערצוגיין צוליב קאראנע.

אנקומענדיג צו די גרעניץ האב איך זיי געגעבן אלע נויטיגע פאפירן און שטילערהייט האבן מיר ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, אבער דער אייבערשטער האט אונז געוואלט פרובירן, די באאמטע ביים גרעניץ האבן געזאגט אז ס'פעלט עפעס א דאקומענט און זיי קענען אונז נישט אריבערלאזן, זיי האבן געזאגט אז מיר דארפן זיך אויסדרייען און אהיים פארן. ס'איז נישט גרינג געווען אבער מיר ווייסן אז וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט.

ס'איז שוין געווען שפעט ביינאכט זענען מיר צוגעפארן צו א האטעל דארט אין געגנט צו איבערשלאפן די נאכט. צופרי האבן מיר געטראכט צו פרובירן נאכאמאל אריבערגיין די גרעניץ, פארשטייט זיך אז מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק, און געלייגט געלט אין פושקע, און מיר האבן זיך אויך מזכיר געווען ביים ראש ישיבה.

אנקומעדיג האבן זיי געפרעגט פארשידענע שאלות אבער מיר האבן ווייטער געריסן תפילות, און יא! די נס איז געשען! זיי האבן אונז אריינגעלאזט!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א



בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר ט"ו בִּשְׁבַט): "**וְנוֹהֲגִים לְהִתְאַסֵּף בְּבֵית כָּל הַמִּשְׁפָּחָה**", מֶען פִירְט זִיךְ צַאמְצוּנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, "**לֶאֱכֹל בְּצַוְתָּא אֶת כָּל מִינֵי פֵּירוֹת**", מֶען עֶסְט אִינְאֵיינֶעם אַלֶע סָארְט פְּרוּכְט, "**וּמַרְבִּים לְסַפֵּר לִבְנֵי הַבַּיִת וְלַיְּלָדִים וּלְכָל הַמִּשְׁפָּחָה מִנִּפְלְאוֹתָיו יִתְבָּרַךְ**", מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**אֵיךְ שֶׁבָּרָא כָּל פְּרִי וּפְרִי לֵהָנוֹת בּוֹ בְּנֵי אָדָם**", דִי ווּאוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי עֶר מַאכְט וַואקְסְן אַלֶע פְּרוּכְט, "**וּמְדַבְּרִים דִּבְרֵי תוֹרָה, וְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הַשַּׁיָּכִים לַחֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט**", מֶען רֶעדְט דִבְרֵי תוֹרָה אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, "**וְהוּא עִנְיָן גָּדוֹל מְאֹד לְחִנּוּךְ הַיְלָדִים**", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְגְרֵייטְן פֵיינֶע פְּרוּכְט; זַיץ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, רֶעד צוּ זֵיי פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶע פְּרוּכְט הָאט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז; עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ וֶוען מֶען עֶסְט טַייטְלֶען בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאֲגוֹת**", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת עַצְבוּת, סִימָן לה): "**תְּמָרִים מְבַטְּלִין דְּאָגָה**", טֵייטְלֶען נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דַאֲגוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה מה:): "**מַה תָּמָר אֵין לוֹ אֶלָּא לֵב אֶחָד, אַף יִשְׂרָאֵל אֵין לָהֶם אֶלָּא לֵב אֶחָד לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם**", דֶער טֵייטְלְבּוֹים הָאט נָאר אֵיין הַארְץ, אַזוֹי אוֹיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּקְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי טֵייטְלֶען, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן - אִיז אִים זִיס.

וֶוען דוּ עֶסְט דֶעם מִילְגְרוֹים זָאלְסְטוּ זֵיי דֶערְצֵיילְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.): "**אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבְּךָ**", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, "**מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן**", זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת וִוי אַ רִמּוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ג): "**כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ**", אַזוֹי וִוי דִי קֶערְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים - זֶענֶען דִי אִידְן; גֶעבּ זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אַ מִילְגְרוֹים הָאט זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן קֶערְלֶעךְ, דֶער צָאל וִויפִיל מִצְוֹת מִיר הָאבְּן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### חביבות המצוה

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: אלס אינג בחור האבן מוהרא"ש'ס עלטערן געוואוינט אין בראנקס, דארט איז נישט געווען קיין נאנטע מקוה, ווען מוהרא"ש האט זיך דערוואוסט אלס בחור פון הייליגן רבי'ן און האט געזען ווי שטארק דער רבי פארלאנגט צו גיין אין מקוה, פלעגט מוהרא"ש גיין יעדן שבת צופיס צו א מקוה - גייענדיג א שעה אהין און א שעה צוריק מיט מסירות נפש, ווייל אז מען ווייסט דאס חשיבות דערפון איז דאס בכלל נישט קיין שווערע זאך, ווייל יעדע שווערע זאך וואס מען ווייסט דאס חשיבות דערפון, ווערט דאס גרינג און געשמאק צו טון.

איינער פון די אינגעלייט האבן פארציילט פאר'ן ראש ישיבה אז זיין שווער איז געווען אין שטעטל אויף א שבת, און ער האט מורא'דיג הנאה געהאט פונעם שבת, איין זאך האט ער זייער באוואונדערט, וואוינענדיג ווייט פונעם בית המדרש האט זיי געדויערט דעם וועג צום בית המדרש א דריי פערטל שעה, האט דער שווער געהאלטן אין איין פרעגן דעם איידעם "ווי אזוי האסטו כח צו גיין אזא לאנגן וועג יעדע שבת, וואך איין וואך אויס", האט דער אינגערמאן געענטפערט צום שווער: "עס ווענדט זיך וואו מען גייט, אז איך ווייס איך גיי יעצט אפנעמען א מיליאן דאללער וואלט איך געגאנגען אפילו צוויי שעה אין איין צי', איך גיי צו א פלאץ וואו איך באקום דארט מיליאן דאללער"; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: זיין שווער טראכט זיכער: 'איז דאס טאקע אזוי, דאס איז ממש ווי א מיליאן דאללער...?' אבער דער אמת איז אז דאס איז בכלל נישט קיין גוטע משל, ווייל פאר א מיליאן דאללער וואלט איך אויך נישט געגאנגען א שעה אהין און א שעה צוריק; נאר דאס איז אסאך מער פון מיליאן דאללער! דא באקום איך לעבן; איך באקום 'שלום בית', 'ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדער', 'ווי אזוי זיך אומגיין מיט זיך אליין'; דער רבי געבט אונז א וועג צו לערנען, וואס דאס נעמט אוועק אלע קאפדרייעניש וואס דער מח איז פארנומען א גאנצן טאג: 'מען האלט יא פון מיר,' 'מען האלט נישט פון מיר.'

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך קענען האלטן ביים רבי'ן א גאנץ לעבן.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל




## צוואת מוהרא"ש

אִיךְ וִויל מְגַלֶּה דַעַת זַיין בְּרַבִּים אַז אַזוֹי וִוי פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט מֶענְטְשְׁן, פוּן יָאר ה'תשכ"ד אוּן בְּעִיקָר פוּן עֶרֶב חֲנוּכָּה תשכ"ד וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, הָאט מֶען שׁוֹין פוּן דֶעם אָפְּגֶעדְרוּקְט נַיין אוּן אַכְצִיג חֲלָקִים פוּנֶעם סֵפֶר שׁוּ"ת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וָואס הַאלְט שׁוֹין בַּיי צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז שׁוֹין דָא גְרֵייט צוּם דְרוּק נָאךְ פוּפְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט אָפְּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוְון, אוּן מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן "כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן. נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן.

אוּן אַז אִיךְ רֶעדְט שׁוֹין פוּן בָּחוּרִים, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת. אוּן אִיךְ בִּין מְגַלֶּה דַעַת אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג.

מִיט דֶעם עֶנְדִיג אִיךְ מַיין צַוָּואָה פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים אוּן אִיר קֶענְט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, סֵיי בַּיי מַיין לֶעבְן אוּן סֵיי נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט,

אָמֵן וְאָמֵן.

## א מעשה פון הפצה

א אינגערמאן פארציילט:

איך בין געגאנגען הפצה ביי די הייזער, ביי איינע פון די הייזער האט א אינגל געעפנט די טיר און איך האב אים געגעבן א ספר און געזאגט: "פרעג דיין טאטע אויב ער דארף די שיינע מתנה", ער גייט צוריק אריין אין שטוב, נאך אפאר מינוט קומט ער צוריק מיט די באגלייטונג פון די גאנצע משפחה, און דער טאטע רופט זיך אן "די געלט גייט פאר די זעלבע פלאץ פון וואו די ספרים קומען?" זאג איך אים: "די געלט גייט פאר די ברסלב'ע ישיבה", זאגט ער: "איר דארפט נישט צוריק געבן די געלט, אבער איר וואלט געמעגט זאגן פארדעם אז די געלט גייט פאר ברסלב".

איך האב געזעהן עס באדערט אים אז ער האט געגעבן צדקה פאר ברסלב, האב איך אים צוריק געגעבן דאס געלט, ער האט צוריק גענומען דאס געלט, אבער דער ספר האט ער נישט געוואלט צוריק געבן, כדי איך זאל דאס נישט קענען געבן פאר א צווייטן.

גייענדיג צו די קומענדיגע טיר זעה איך ווי ער ווארפט אראפ דעם ספר אויף א באקס אינדרויסן פון זיין הויז, דער אינגל האט געזעהן ווי זיין טאטע ווארפט דאס דארט אראפ, האט ער געווארט ביז זיין טאטע איז אריין אין הויז און ער איז שטילערהייט געגאנגען און גענומען דעם ספר און שנעל אריינגעפאקט אין טאש ווייל ער האט נישט געוואלט אז זיין טאטע זאל באמערקן אז ער האט דאס גענומען.

אמאל מיינט מען אז עס איז געווען א שאד אז דער אינגערמאן ביים טיר האט נישט גענומען דעם ספר, און ער האט מיר נאך מבזה געווען פאר די גאנצע משפחה, אבער צום סוף שטעלט זיך ארויס אז דער קינד איז זיך מחיה דערמיט, און וועט נאך זיכער אויסוואקסן א ערליכער איד א דאנק דעם ספר.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצות אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## מען דרוקט איבער פולע ספרים פון מוהרא"ש זי"ע לכבוד די יארצייט

פילע פרישע ספרים איז יעצט געווארן איבערגעדרוקט אינערהאלב די קרן הדפסה.

פון די פילע ספרים וואס ווערט יעצט איבערגעדרוקט איז ספר "ארך אפים", ספר "אוצר שלום בית", "אשר בנחל אידיש" און נאך.

אויך קומט אריין די פריילעכע נייעס אז עס ווערט יעצט פריש איבערגעמאכט ספר "ארך אפים אידיש" עס זאל זיין נאך מער געשמאק צו לערנען, כדי מען זאל קענען ארויס נעמען התחזקות אין יעדע מצב וואו מען געפונט זיך.

יעצט אין די צייט ווען עס קומט שוין אט אט די יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע טוען אנשי שלומינו נעמען א חלק אין דרוקן דעם הייליג'ן רבינ'ס ספרים און זיינע תלמידים ובפרט די ספרים פון מוהרא"ש זי"ע און פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז ספעציעל געשריבן געווארן אויף די היינטיגע שפראך, אז אלע זאלן קענען פארשטיין און ארויס נעמען עצות אויף לעובדא ולמעשה.

דאס איז געווען די רצון פון מוהרא"ש זי"ע זיין גאנצן לעבן, אז מען זאל פארשפרייטן די ספרים איבער די גאנצע וועלט, כדי יעדער איד אין סיי וועלכע מצב ער זאל נאר זיין זאלן קענען האבן א זיסע לעבן, און דאס טוהן מיר נאך, מיר גייען אין די וועגן פון מוהרא"ש, יעדער איינער אויף זיין וועג פרובירט צו טוהן אין הדפסה והפצה, און מען איז עוסק אנצטרינקען ביימער.

# בילדער פון קרן הדפסה




ווערט געזעהן אויף איינע פון די מאשינען אין בית הדפוס



מוהרא"ש באזוכט אין בית הדפוס תשע"ג



מוהרא"ש באטראכט איינע פון די נייע מאשינען


אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

שאול יצחק גאנץ
מאנסי

אבראהם דוד לאקס
קרית ברסלב

שמעון עוזר גרינפעלד
ווילאמסבורג

ישראל אשר ווייס
קרית יואל

אשר לעווי
דזערזי סיטי

מנחם זאב שטערן
סטעטן איילענד

אברהם צוויבעל
קרית יואל

חיים דוד ראזענבערג
מאנסי

יואל פעדער
וויליאמסבורג

מאטי היימליך
קרית ברסלב

יצחק אפעלבוים
לעיקוואד

אברהם שטערן
קרית יואל



צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370



# א מעשה
## פון א צדיק

### אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט פִּיר הַאַרְץ אַטַאקֶעס

**מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ אַרָאפּ וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט פַּארְצֵיילְט בַּיים שִׁיעוּר חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח תשע"ג.**

דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ אַ סֵפֶרְ'ל 'מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ', וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן, אוּן דָאס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעמַאכְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט, נָאר גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס פְּלַייס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואלְט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינְט דֶער רֶבִּי! דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט גוּט פְּשַׁט! אַזוֹי אִיז מִיר דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען בְּעֶרֶךְ פוּנְף יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם פוּן אַנַ"שׁ, אוּן עֶר הָאט מִיר שׁוֹין טַאקֶע גֶעמַאכְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אָבֶּער וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִיבּוּר מוּז אִיךְ דָאס מְקַיֵּים זַיין, אוּן יֶעדֶע שִׂיחָה פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר טַייעֶר, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנח): **פוּן יֶעדֶע שִׂיחָה מַיינֶע, קֶען מֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵייס וָואס הֵייסְט זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.** אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר 'תְּפִלָּה' הָאבּ אִיךְ דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען.

צְוֵוייטְנְ'ס דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיט מִיר גֶעטוּהְן נָאךְ דִי פִּיר הַאַרְץ אַטַאקֶעס, וָואס אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער נָאךְ בִּיז יֶעצְט דֶעם גְרוֹיסְן נֵס. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען צְוֵויי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אוּנְטְן אִין מַיין צִימֶער עֶרֶב שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח תשע"ב, פְּלוּצְלִינְג שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן עֶנְדִיגְט זִיךְ, עֶס הָאט מִיר גֶעדְרוּקְט בַּיים הַאַרְץ אוּן דֶעם גַאנְצְן אַרוּם, מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע דְרוּק אוּן וֵוייטָאג וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דָאס אִיז, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶער אָטֶעם, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיי 'יְצִיאַת נְשָׁמָה' בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט גֶעשְׁפִּירְט, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל כָאטְשׁ קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין צוּ דִי דִירָה וָואס אִיז פִּיר שְׁטָאקְן אַרוֹיף, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ לֵייגְן אִין בֶּעט"! וַוייל צוּ יִסוּרִים בִּין אִיךְ שׁוֹין לֵיידֶער גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט אִין מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן דֶער אָטֶעם אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל רִירְן, אַזוֹי בִּין אִיךְ לַאנְגְזַאם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען.

שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאךְ דְרֵיי הַאַרְץ אַטַאקֶעס אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע. וֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער הַאַרְץ דָאקְטֶער הָאט מִיר אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט: צוּ אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט בַּיים 'הַאַרְץ אַטַאק' וִוי אַזוֹי אַ עֶלֶעפַאנְט זִיצְט אוֹיף מַיין הַאַרְץ? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: נִישְׁט 'אֵיין' עֶלֶעפַאנְט נָאר צֶען! הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן (דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעדְרוּקְט בַּאֲרִיכוּת סוֹף סֵפֶר 'לֵב אָבוֹת' עַל פִּרְקֵי אָבוֹת).

לֵיידֶער הַאלְט מֶען אִין אֵיין הֶערְן נֶעבֶּעךְ וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דְרַייסִיג אוּן פוּפְצִיג יָאר וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין עֶטְלִיכֶע סֶעקוּנְדֶעס דוּרְךְ אַן הַאַרְץ אַטַאק, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט דָא. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס 'תְּפִלָּה' אִיז, וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן מִיט תְּפִלָּה.

(קונטרס "דער אוצר איז ביי דיר")



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 17

**פארזעצונג פון פריער:**

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם צַדִיק עֶר זָאל אִים נֶעמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם. מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נִצָבִים, כ"ב אֱלוּל, הָאט דֶער שִׁיף אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן גְלַייךְ הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ'ן יַם, אוּן דִי שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, צוּם סוֹף הָאט דֶער יַם זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

...

נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי אִיז דִי שִׁיף גֶעבְּלִיבְּן אָן וַואסֶער צוּם טְרִינְקֶען, סְ'אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע זוֹיבֶּערֶע וַואסֶער וָואס מְ'הָאט גֶעהַאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן צוּם טְרִינְקֶען, עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אֵיין פַאס וַואסֶער, אָבֶּער זֵייעֶר שְׁמוּצִיגֶע פַארְשְׁטִינְקֶענֶע וַואסֶער וָואס וֶוערִים הָאבְּן גֶעקְרִיכְט דֶערִין, אוּן דִי וַואסֶער הָאט מֶען אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף, יֶעדֶער הָאט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין קְלֵיינֶע מָאס פוּן וַואסֶער.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן דוּרְכְגֶעמַאכְט, עֶס הָאט גֶעדְרָאעֶט אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוֹיסְצוּגֵיין פוּן דָארְשְׁט, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישְׁן פוּן הַארְץ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז סְ'הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל עֶרְוֶועקְט אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ'ן יַם, אָבֶּער דָאס מָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען גוּט וַוייל עֶס הָאט גֶעפִירְט דֶעם שִׁיף זֵייעֶר שְׁנֶעל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן נָאךְ צְוֵויי טָאג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הַאפְן פוּן יַפוֹ וָואס פִירְט קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעוָואלְט אַרָאפְּגֵיין פוּן שִׁיף אוּן גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם מִיט דֶעם אוּנְבֶּעקַאנְטְן צַדִיק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט, דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט דֶעם רֶבִּי'ן אַרַיינְצוּקוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעטוּן מִיט דִי אִידִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים פוּן אֵייְרָאפֶּע, אוּן מִיט דִי לַאנְגֶע פֵּיאוֹת, אוּן אַז עֶר קֶען נִישְׁט דִי אָרְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַ שְׁפִּיָאן פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין שׁוּם הֶסְבֵּרִים אוּן תִּירוּצִים.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְ'ן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט שׁוֹין צְוֵויי טָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן דָארְט מִיטְ'ן שִׁיף זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, דִי שִׁיף הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין צוּלִיבּ דִי ווִילְדֶע כְּוַואלֶיעס פוּנֶעם יַם וָואס הָאט שִׁיעֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם שִׁיף, אוּן סְ'הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין שׁוּם עֵצָה אוּן וֶועג וִוי אַזוֹי דָארְט צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע פַאר דֶעם קַאפִּיטַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס קֶען מֵיינֶען, אוּן דִי אָרְטִיגֶע סְפַרְדִ'ישֶׁע חֲכָמִים הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אַ קַבָּלָה אִישׁ מִפִּי אִישׁ אַז אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אִיז גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דֶער נָבִיא יוֹנָה בֶּן אֲמִתַּי, אוּן דֶערְפַאר אִיז דִי וַואסֶער דָארְט אַזוֹי ווִילְד.

דִי שִׁיף הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן דָארְט אִיבֶּערְנַאכְט, מְ'הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועקְפָארְן פוּן דָארְט, דִי שִׁיף אִיז וַוייטֶער גֶעפָארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט חֵיפָה אִין דִי נַאכְט פוּן "זְכוֹר בְּרִית", דִי נַאכְט פוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעאַנְקֶערְט נֶעבְּן דֶעם הַר הַכַּרְמֶל, אַנְטְקֶעגְן דִי מְעָרַת אֵלִיָהוּ.

פַארְטָאגְס הָאט דֶער עוֹלָם גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת אוֹיפְ'ן שִׁיף מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית, אוּן דַאן אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן שִׁיף אַרַיין אִין שְׁטָאט.

### שְׁנַת תקנ"ט

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן שִׁיף צוּפִיסְנְס פוּנֶעם הַר הַכַּרְמֶל, פוּנְקְט קֶעגְן אִיבֶּער דִי מְעָרַת אֵלִיָהוּ. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעהָאפְט מִיט אַזוֹיפִיל הִשְׁתּוֹקְקוּת, כִּיסוּפִין, אוּן גַעֲגוּעִים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹיפִיל מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מָאל פַאר דֶעם.

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע וֶוען עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע בָּאדְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אַרָאפְּמָאלְן, וֶוען אַלֶע וַואסֶערְן זָאלְן זַיין טִינְט, אַלֶע הִימְלֶען - פַּארְמֶעט, אַלֶע בֵּיימֶער - פֶעדֶערְן, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין שְׁרַייבֶּערְס, וָואלְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁרַייבְּן אֲפִילוּ נָאר אִין קוּרְצְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין יֶענֶע מִינוּט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פִיר אֵיילְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פּוֹעֶלְ'ן אוּן מַשִּׂיג זַיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת שמות תשפ"ב

איך בין אזוי פרייליך און איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. עס איז געווען א הערליכע סעודה, פרייליך און געשמאק, יעדער האט אזוי הנאה געהאט. ווען איך בין אנגעקומען, האט מיך די ראש ישיבה באגריסט מיט א פרייליכן גוט שבת, גוט שבת!

דער ראש ישיבה האט אויסגעלויבט די קינדער אז זיי האבן געדאווענט אזוי שיין, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב אז ס'איז א שאד דו ביסט נישט געווען אין שול צו קענען מיטהאלטן ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט! דער ראש ישיבה האט געמאכט א פלאץ פאר יעדע קינד ביים טיש, ס'איז געווען אביסל צושטיפט, האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט די קינדער פרייליכערהייט, "אז ס'איז דא פלאץ אין הארץ, איז דא פלאץ ביים טיש."

פארן זינגען זמירות האט מען געשמועסט וועגן די בריוון פון עצתו אמונה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט "די עצתו אמונה קען מען נישט געבן א קוק דורך, מען דארף לערנען יעדע בריוו עקסטער, ווייל אין די בריוו ליגן אזויפיל עצות, אזויפיל חיזוק און שכל פאר די לעבן".

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען זינגען זמירות, און ווען מען איז אנגעקומען צו 'ברכנו לשלום', האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער, "ענק ווייסן פארוואס מען בייגט דא אראפ די קאפ? אז די מלאכים זאלן אונז בענטשן", און דער ראש ישיבה האט עס איבערגעזינגען אפאר מאל. דערנאך האט דער ראש ישיבה זיי פארציילט: "דאס האב איך געזען ביי מוהרא"ש, און אויך ביי נאך א פלאץ פלעגט מוהרא"ש אזוי אראפבייגן די קאפ, ביים דוכענען, און איך טו אויך אזוי".

דער ראש ישיבה האט געפאטשט ביים זינגען זמירות, דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די געסט אז די קליינע בעיבי יחזקאל נ"י האט זייער ליב צו פאטשן, ווען ער קען פאטשט ער; ביים עסן, ביים זינגען, סתם אזוי אינמיטן טאג, אינמיטן שלאפן און אפילו ווען ער וויינט. דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער, ,ווער ווייסט וועלכע דריי זאכן האט דער רבי געזאגט פאסירט ווען מען קלאטשט?, איינס; עס נעמט אוועק אלע דינים. צוויי; עס ברענגט קדושת ארץ ישראל, דריטנ'ס; האט דער רבי געזאגט אז ער האט איינגענומען די שטאט ברסלב מיטן פאטשן".

דער ראש ישיבה האט ווייטער געזינגען זמירות און נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווער וועט די וואך אויפהייבן די בעכער? דער ראש ישיבה האט מכבד געווען איינער פון די געסט זאל אויפהייבן די בעכער. דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש, און אינמיטן קידוש האט זיך אויסגעגאסן א טעלער פון טאמעטא דיפ. נאך קידוש ווען דער ראש ישיבה האט עס אפגעווישט, האט די ראש ישיבה זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "אונז זענען שוין צוגעוואוינט צו דעם".

א אינגערמאן פון לאנדאן האט דארט געגעסן די סעודה, און ער האט נאכגעזאגט פארשידענע זאכן וואס דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט ביי די שיעורים, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט, "דו הערסט טאקע יעדע שיעור פון דער ראש ישיבה, אדער נאר פאר דו קומסט אהער?" האט ער געזאגט אז יא, אויסער די משניות שיעורים הערט ער נישט.

ווען דער ראש ישיבה האט געשיקט קידוש וויין פאר די כלה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זיין מאמע האט אים אנגעזאגט אז די וואך שבת זאל ער זען צו געבן אסאך אויפמערקזאמקייט פאר די כלה, און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען די

<<<<

ניגון וואס מען זינגט אין סקול פאר די כלות, עס איז געווען זייער פרייליך. נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערופן די קינדער זיך וואשן: "קומטס צו די סינק מען גייט זיך וואשן לכבוד שבת!' ווען מען איז געשטאנען ביי די סינק האט דער ראש ישיבה געוויזן אויף די קלענערע מיידל און געזאגט: נאך אביסל גייט זי באקומען די כלה'ס בעט, און די כלה'ס לעדל און די כלה'ס וואסער באטל... דער ראש ישיבה האט איר געגעבן אסאך אויפמערקזאמקייט.

דער ראש ישיבה האט געוואשן אלע קינדער, געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה. ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען צו די צוויי יעריגע מענדל נ"י, האט דער ראש ישיבה געמאכט פאר אים שטיקלעך חלה ער זאל עס קענען אליינס עסן, און דער ראש ישיבה האט אים געהאלפן און געמאכט צוזאמען מיט אים א המוציא.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מוהרא"ש פלעגט האבן קעמרעס צו קענען זען די שול אין יבנאל, און ווען דער ראש ישיבה איז אריין צו מוהרא"ש נאכן שיעור, איז שוין געווען פארטאגס אין יבנאל און מוהרא"ש פלעגט וויזן מיט אזא שמחה ווי די מענטשן אין יבנאל קומען שוין דאווענען ותיקין. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב קעמערעס אין אסאך פלעצער, איך קען זען די גאנצע בנין פון די ישיבה, איך קען זען די שול אין ירושלים, די חדר אין שטעטל, אבער איך לאז עס א גאנצן צייט אפן צו די שול אין שטעטל צו קענען זען ווי די אינגעלייט לערנען אזוי פלייסיג אין כולל". דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "דאס איז מיין נחת, צו זען ווי די אינגעלייט אין שטעטל לערנען פלייסיג".

מען האט אריינגעברענגט די פיש און דער ראש ישיבה האט געגעסן און געזאגט 'לכבוד שבת קודש'. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער זיי זאלן פארציילן פאר די געסט וואס פאסירט ווען מען זאגט 'לכבוד שבת קודש'. דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן פארציילט אז ווען א אינגל זאגט לכבוד שבת ווערט באשאפן א אינגל מלאך, און ווען א טאטע זאגט עס ווערט באשאפן א טאטע מלאך, און אזוי ווייטער.

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט זיין ווייב: "ס'איז זייער פיין געווען די חלה און די פיש". נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוויזן אז ווען מען עפנט א סעלצער דארף מען אראפגיסן אביסל פון דעם, פאר די נישט גוטע. איך האב באמערקט ווי דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל ארויפשיקן זיין ווייב'ס גלעזל, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר איר גרעיפ דשוס מיט סעלצער און עס צוריקגעשיקט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען זמירות. ווען מען האט אריינגעברענגט די זופ, האב איך באמערקט אז אונטער יעדע זופ טעלער איז געליגן א גרויסע טעלער. איינער פון די געסט האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וועגן דעם, אויב דאס איז א מנהג. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט, "עס איז א שיינע זאך לכבוד שבת".

נאך די זופ האט דער ראש ישיבה געפרעגט איינע פון די קינדער: "מאמי קאכט גוטע עסן שבת? אדער ווילסט ענדערש גיין וואוינען ביי א אנדערע הויז און עסן שבת פרענק"ס מיט בורגער"ס?" און דער ראש ישיבה האט חוזק געמאכט פון די מענטשן וואס שבת עסן זיי נישט קיין סעודה, נאר זיי עסן וואכענדיגע עסן.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט: "געלויבט דעם אייבערשטן אז איך מאך יעצט חתונה מיין דריטע קינד, ווען נישט מוהרא"ש וואלט איך ערשט יעצט געדארפט אנהייבן זוכן א שידוך פאר מיין עלטסטע זון, און יעצט מאך איך שוין חתונה מיין דריטע קינד ברוך השם."

עס האבן אנגעפאנגען צו קומען געסט צו די באטע, דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט זיי, און געפרעגט יעדעם וואס מען האט גערעדט ביי זייער סעודה. דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די געסט: "וואס ביסטו אזוי פארוואלוולט?" האט דער ראש ישיבה'ס פיר יעריגע יוסף נ"י געפרעגט וואס מיינט פארוואלוולט.

האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו פארציילן: "ר' נחמן טולטשינער זי"ע האט געהאט א גבאי וואס האט געהייסן וועלוול. פאר א גבאי איז נישט אזוי גרינג צו גלייבן אין זיין רבי, ווייל ער זעט זיין רבי א גאנצן טאג, ער זעט אים עסן, שלאפן, גיין און קומען. דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין קליין קינד

<<<<

ווען מען זאגט אין חדר אז דער ראש ישיבה קומט, און יעדער ווערט פרייליך און מען מאכט זיך גרייט, און דו טראכסט פארוואס ווערט יעדער אזוי דערשראקן אז דער ראש ישיבה קומט? ווער גלייבט אין זיין רבי? ווער ס'זעט זיין רבי פונדערווייטנס. ענק זעהן דעם ראש ישיבה יעדן טאג, ענק זעהן ווי דער ראש ישיבה עסט און שלאפט, דער ראש ישיבה רוהט זיך אפ אויפן קאוטש", האט איינער פון די קינדער זיך אנגערופן: "אבער ווען איך גיי זיין א טאטע גיי איך אויך טון די אלע זאכן". האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "דו ביסט קלוג, דו ווייסט אז א רבי איז נישט איינער וואס עסט נישט און שלאפט נישט".

צוריק צו די מעשה: "ר' נחמן טולטשינער האט געהאט א גבאי ער האט געהייסן וועלוול, אין רוסיש זאגט מען 'ביליג' 'וואלוול'. פלעגט ר' נחמן טולטשינער פרעגן זיין גבאי, "וועלוול וועלוול, וואס ביסטו אזוי פארוואלוולט"?

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער און זיי געפרעגט די פרשה שאלות, און זיי געהאלפן ענטפערן די ענטפערס. דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט די קינדער די נעמען פון די שבטים, ראובן, שמעון, לוי, יהודה... נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט אביסל פון די מעשיות פון תפילה וואס די קינדער ברענגען אהיים פון חדר.

מען האט אריינגעברענגט די פלייש, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך איז שבת קאפעליטש פאר די חתן, און פאר די כלה איז שבת האר. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט מיט א שמחה אז די וואך איז ער זייער פרייליך, ווייל די לעצטע צוויי פרויען אין שטעטל וואס האבן נאך געהאט האר - האבן זיך אפגעשוירן, און יעצט איז שוין נישט דא קיין האר אין שטעטל, נישט דא מער קיין קליפות אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט אפאר מאל איבערגעזאגט "איך בין אזוי פרייליך אז אין שטעטל זענען אלע פרויען אפגעשוירן".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער איז צוגעגאנגען צו א אינגערמאן און אים פארציילט אז זיין טאכטער האט געשריבן א בריוו פאר דעם ראש ישיבה אז זי וויל זיך אפשערן די האר נאך די חתונה, אפילו קיינער אין די משפחה שערט זיך נישט אפ, דער ראש ישיבה האט אים געוואלט געבן א קאמפלימענט און זאגן וואספארא וואוילע טאכטער ער האט. האט ער אנגעפאנגען צו מסביר זיין פאר'ן ראש ישיבה אז ער ווייסט פון דעם אז זיין טאכטער וויל זיך אפשערן, און אמאל האט ער אויך געהאלטן אז מען דארף זיך אפשערן, אבער היינט פארשטייט ער שוין אז צו זיין אפגעהיטן דארף מען האבן א ווייב מיט האר. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "מיך וואלט נישט אפגעהיטן א ווייב מיט האר, נאר א צניעות'דיגע אפגעשוירענע ווייב היט מיך אפ, האר מאכט נישט פרייליך, האר היט נישט אפ, האר איז לייז, שדים און קליפות, קיינער דארף עס נישט."

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט: "אבער דער טאטע האט ווייטער מיר פראבירט מסביר זיין אז אזוי האט ער אויך אמאל געמיינט, און היינט האלט ער שוין אז מען טאר זיך נישט אפשערן." ווען דער ראש ישיבה האט געזען אז יענער וויל נישט אויסהערן, "ווייסט וואס כ'האב אים געזאגט"? טאקע טאקע טאקע...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מוהרא"ש פלעגט שטאלצירן מיט די שטאט יבנאל אז ספרדישע משפחות וואס זיי האבן א אנדערע מסורה - שערן זיך די האר, אבער מוהרא"ש האט קיינמאל נישט געקענט זאגן אז גאנץ יבנאל איז אפגעשוירן.

האט דער גאסט פון לאנדאן געפרעגט: "פארוואס היינט אין יבנאל איז שוין נישט אזוי"? האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז מען דארף אויפוואקסן מיט דעם, מען דארף עס שעצן און וויסן די חשיבות פון דעם. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די נורסערי טיטשער האט אים פארציילט אז א פיר יעריגע מיידל האט זיך אנגערופן איין טאג אינמיטן שפילן ווי פון איר חלום, "איך קען שוין קוים ווארטן צו חתונה האבן און אפשערן מיין האר". די קינדער דא אין סקול וואקסן אויף מיט דעם, זיי קענען שוין קוים ווארטן אפצושערן זייער האר.

דער ראש ישיבה האט ווייטער גערעדט פון דעם, וואס האט מען פון האר? דענדראפ"ס? שלענג? אז איך געב דיך צו עסן א טעלער שלענג, וואלסטו עס בכלל געגעסן? דו דארפסט שכר אז דו עסט נישט קיין שלענג? די זעלבע זאך איז מיט האר, וואס האסטו פון אלטע גרויע האר? האט זיך איינער אנגערופן אז מען קען דייען (מאכן א אנדערע קאליר) די האר.

<<<<

האט דער ראש ישיבה געזאגט יא יא איך קען די מעשיות... דו דארפסט זיין פריש מיט דעם יעדע וואך. איך קען א עלטערע אינגערמאן, ער וויל זיך האלטן יונג פארבט ער זיך די האר אבער גלייך ווען עס פאנגט אן צוריקצוואוואקסן זעט מען אביסל ווייס און די איבעריגע שווארץ...

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו רעדן פון דעם אז די קהילה ווערט גרעסער, און עס האט אנגעהויבן ווערן אזוי אז יעדער האט זיך זיינע חברים, און מען קען זיך שוין נישט. "פארוואס זאל נישט יעדער קענען יעדעם"? פארוואס זאלן נישט די מענטשן פון שטעטל קענען די נייע בחורים פון ישיבה? דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר יעדעם די גאסט פון לאנדאן, און אים געזאגט ווי אזוי די בחורים הייסן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים אז זיי זאלן זיך באקענען מיט אים.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די נס אז בתי'ס הענט איז געווארן לאנג, דער ראש ישיבה האט געבעטן איינער פון די קינדער ער זאל מאכן א טריק ווי זיין הענט ווערט לאנג אזוי ווי בתי'ס הענט, די קינדער האבן עס פרובירט נאכצומאכן, און אלע האבן געלאכט... דערנאך האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט די געסט, אינמיטן האט דער ראש ישיבה גערופן די קינדער זיי זאלן צוריק קומען צום טיש, ווייל מען גייט שוין דערציילן די מעשיות פון תפילה. אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען אסאך געסט האבן זיי געדארפט אינטערקריכן די טיש אנצוקומען צום ראש ישיבה, האבן זיי זיך געמאכט ווי זיי זענען די קינדער וואס מען האט אריינגעווארפן אין וואסער און זיי זענען יעצט צוריק אהיימגעקומען. און דער ראש ישיבה האט זיי אויסגעפרעגט די ניסים וואס ס'האט פאסירט מיט זיי, אז די בעיביס האבן געהאט צוויי שטיינער אין די מויל וואס איז ארויסגעקומען מילך און האניג... עס איז געווען זייער אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו די קינדער און מאכט זיי פריילך.

דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשיות פון תפילה פונעם צעטל וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר. ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען צו א מעשה אז א אינגל האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל זיין פריילך, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז זייער א שיינע מעשה פון תפילה. נאכדעם האבן די קינדער פארציילט מעשיות וואס זייער רבי האט זיי דערציילט אין חדר, דער ראש ישיבה האט זיך אינטערעסירט אין זייערע מעשיות, זיי אויסגעפרעגט און אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעסע. אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה גערופן איינער פון די קינדער, און דער קינד האט געשריגן פון די ווייטנס 'יא'... האט דער ראש ישיבה אים צוגערופן און זייער שטרענג געזאגט, אז ווען א טאטע רופט דארף מען גלייך קומען, מען קען נישט שרייען 'יא'...

עס האבן געהאלטן אין איין קומען נאך און נאך געסט, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין זון שמעון נ"י זאל זיך אויפשטעלן פאר די געסט. שפעטער ווען עס איז געקומען נאך מענטשן האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל ברענגען א באנק עס זאל זיין גענוג פלאץ. דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער פון די בחורים עס האט א מעשה פון הפצה, זיי האבן פארציילט שיינע מעשיות פון הפצה. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז עס איז נישט קיין קונץ אנצוהייבן א נייע זאך, א קונץ איז אנצוהאלטן א זאך. דער ראש ישיבה האט געפרעגט אויב איינער האט א גליון היכל הקודש, דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די בחורים אז אויבן פון די גליון שטייט שנה 11, שוין עלף יאר קומט ארויס די גליון, דאס איז א קונץ!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז א אינגערמאן א מפיץ וואס וואוינט אין קרית יואל האט אים געזאגט אז ער האט געזען אין די קונטרס וואס איז ארויסגעקומען "די נסיעה פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל", דער ראש ישיבה שרייבט דארט "ער האט זיך געשפירט זייער באקוועם צווישן די גרויסע מפיצים אין ארץ ישראל". קודם איז ער געווארן צובראכן פון דעם, אז דער ראש ישיבה שפירט זיך מער באקוועם דארט ווי דא אין אמעריקע, אבער נאכדעם האט ער געטראכט "איך גיי הפצה יעדע וואך שוין פאר צען יאר אין א צי, איך וויל זיי זען אין צען יאר ארום, לאמיך זען אויב דעמאלטס וועלן זיי נאך אויך האבן אזא פלאקער". דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז ער איז גערעכט, ווייל אנהייבן א זאך קען יעדער, מען דארף נאר זען עס זאל אנהאלטן.

# בילדער
## אפטיילונג






וואך נאכט פון הילד בנימין בייניש נ"י בן ר' יעקב לעסער הי"ו - זונטאג בא תשפ"ב



וואך נאכט פון הילד שלום דוב בער נ"י בן ר' יעקב הילל פארקאש הי"ו - מאנטאג בא תשפ"ב




הערליכע סיין אויפגעהאנגען בייים בית המדרש היכל הקודש ברסלב בני ברק



דער נייער בית המדרש היכל הקודש בני ברק



הערליכע שאנק מיט פילע ניצבארע ספרים צו קענען לערנען שיעורים כסדרן, אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק




נר תמיד אין בית המדרש היל הקודש בני ברק

קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג



# דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק

וָואס אִיז אַ צַדִּיק? וָואס טְרַאכְט אַ צַדִּיק?

קִינְדֶער, אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן וָואס אַ צַדִּיק טוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע צַייטְן?

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר אִין יָאר תשמ"ט שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַן עֶקְסִידֶענְט, אַ קַאר הָאט אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ צְוֵוייטֶע קַאר, אִין דִי קַאר אִיז גֶעזֶעצְן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶע בְּלִיבְּן לֶעבְּן; אָבֶּער דְרֵיי פִינְגֶערְס פוּן זַיין רֶעכְטֶע פוּס הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, מֶען הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז מוֹהֲרָא"ש דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אַפֶּערַאצִיֶע, אוּן דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי, לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אוּנְז, אַז לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל מִיט שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר; דֶער סֵפֶר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעמַאכְט אִין דִי הֵייל דִי דְרַייצְן יָאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר. בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט אִין שְׁפִּיטָאל דִי הֵיילִיגֶע תִּקּוּנִים הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיבּ דִי אַפֶּערַאצִיֶע וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם וֶועט עֶר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶס פַאלְט אִים אַיין בַּיים זָאגְן תִּקּוּנִים.




מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט חִידוּשִׁים אוּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים

מִיטְוָואךְ אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרִיבֶּער דִי אַפֶּערַאצִיֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִסִּים, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם; דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאט מוֹהֲרָא"ש אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דֶעם הֵיילִיגְ'ן סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ", חִידוּשִׁים אוּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, דָאךְ הָאט עֶר דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי גְרוֹיס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען; אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע יְסוּרִים זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן שְׁרַייבְּן דָאס אַרָאפּ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, וֶועט אוּנְז אוֹיךְ זַיין גוּט; מִיר וֶועלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער 2 מאל

הייליגער באשעפער העלף מיר איך וויל זיין א צדיק איך וויל לערנען איך וויל פארשטיין וואס איך לערן העלף מיר אייבערשטער עפן מיר מיינע אויגן אין די תורה.



| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ת | ק | ס | ר | ז | ס | ח | ס | ש | א | ת | א | כ | ה | ה | ו | מ | ע | ז |
| כ | י | א | ד | נ | י | ל | מ | ל | כ | ו | י | ר | י | א | צ | צ | י | פ | י |
| ק | ו | ב | מ | צ | ל | א | נ | ג | נ | י | ל | י | א | כ | י | ט | ר | צ | י |
| ו | ה | ה | ט | צ | ק | א | י | נ | צ | ג | א | ג | ב | ד | י | א | ז | ג | נ |
| ג | ו | ד | י | י | ז | צ | י | ג | א | נ | ק | כ | צ | ע | מ | ו | ו | י | ל |
| כ | נ | י | ד | י | ב | מ | כ | ט | ס | ז | ו | ל | ס | ק | ר | י | ב | ל | ר |
| ד | ר | צ | ל | נ | ל | ע | ב | א | ש | ע | פ | ע | ר | י | ז | ש | י | ר | ל |
| ז | ע | נ | ת | ג | ת | י | ס | ב | ק | פ | ג | ר | ל | צ | פ | מ | ט | נ | א |
| צ | ל | ל | י | ו | ו | ט | ג | ק | ל | ג | ס | נ | ד | ל | י | ל | ג | ע | ע |
| נ | י | י | ט | ש | ר | א | פ | ע | פ | נ | ד | ע | כ | ר | ל | ק | ע | נ | ר |
| א | ס | ת | ק | ג | ש | ה | ה | ת | ר | י | מ | נ | ל | ז | א | ק | פ | ה | ל |



העלף נחמן
נתן אנקומען
צו לערנען די
הייליגע תורה!



# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 4 | | | | |
| | | | 5 | 2 | |
| | 3 | | | | 5 |
| | | | | 6 | |
| 5 | 1 | | | 4 | |
| 6 | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 7 | | 4 | | 9 | | 1 | |
| | | | 3 | | 5 | | | |
| 6 | | | 8 | 1 | 2 | | | 3 |
| | 6 | 7 | | 8 | | 9 | 4 | |
| | | | 5 | 4 | 6 | | | |
| 1 | 4 | 3 | | | | 5 | 6 | 8 |
| | | 5 | | | | 4 | | |
| 8 | 3 | | 7 | 2 | 4 | | 5 | 9 |
| 4 | | 9 | | | | 2 | | 7 |




## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**ט.** מִי שֶׁהוּא אִישׁ אֱמֶת, אֲזַי הוּא מַכִּיר בְּאַחֵר, אִם אַחֵר דּוֹבֵר שֶׁקֶר אִם לָאו.

**טייטש.** אַן אֱמֶת׳עֶר מֶענְטְשׁ קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוֹיבּ יֶענֶער זָאגְט לִיגְנְט אָדֶער נִישְׁט.



## חידות אפטיילונג

**וועלכע יאר איז מוהרא"ש זי"ע נפטר געווארן?**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. תשע"ג
ב. תשע"ד
ג. תשע"ה
ד. תשע"ו

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

**שאלה:** מוהרא"ש האט איינגעפירט צו מען זאל זאגן יעדן טאג תיקון הכללי

**ענטפער:** נאך שחרית

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**לאה איידליס תחי' - ווילימסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161



מצוות
כתיבת
ספר
תורה
לע"נ מרן
מוהרא"ש
זי"ע
לכתוב ספר
תורה מסוגל
לפרנסה
(ספר המידות
ממון, לז)
ועתה כתבו
לכם את
השירה
הזאת
ע"י תלמידי היכל הקודש
פרטים יבואו
282 • DESIGN | 845.406.4250